STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06596

LIDER

Yaakov Gorelik

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב גאָרעליק

לידער

1980

אינהאלט

מענטש :

1) דרײ װאזאָנעס
2) באַנען לױפן
3) די װעלט איז א חתונה
4) די בלום
5) פאָרן אױטאָס
6) װײל איז דעם
7) די כמאָריקע יאָרן
8) בײם ראנד פון הימל...
9) פרילינג
10) שאַנ-גרי-לא
11) אױגן
12) מענטש און בױם
13) מענטש און זײן שאָטן
14) געװען אמאָל...

מענטש און זײן באַשעפער :

15) איך דאנק דיר בורא-עולם
16) א געזאנג
17) ניגון און טאנץ
18) שמע ישראל

פײן און חורבן

19) כל-נדרי
20) פארשניטן
21) אויף קבר-אבות
22) יאָרצײט-ליכט
23) כ'װעל א בלומען-גאָרטן פלאנצן
24) קדיש
25) יאָרצײט

יעקב גלאַטשטײן

טענטש

(דעם ליכטיקן אנדענק פון מײן
ליבע פרוי פאליע)

דרײ װאזאנעס

װאזאנעס אויף מײן פענצטער שטײען דרײ,
װאקסן דרײ װאזאנעס: אלט און יונג, און נײ;
ס'בליען װאקסן, מאמע, טאכטער און יונג קינד,
און דורך אפן-פענצטער גלעט זײ מילדער װינט.

2

בליען די װאזאנעס, װאקסן שײן און הויך,
גאנצע טעג זײ שטײען טיף אין זיך פארטראכט;
באשטראלט האט זײ די זון - באװאסערט צארטע האנט
- איז זינגען זײ א ליד צו גאט א יעדע נאכט.

3

ס'האט פלוצים טויט פארשטילט אויף אײביק צארטע האנט
- שטײען איצט פארטריקנט די װאזאנעס דרײ אין רײ,
װײנען זײ און װײנען נאך דער ליבער גוטער האנט,
און מיט הארץ צעװײטיקט װײן איך אויך מיט זײ.

באנען לויפן

1

באנען לויפן, באנען יאָגן
טאַק, טאַק, טאַק, טאַק; טאַק, טאַק, טאַק;
- נאכט אוועק, ס'וועט באלד שוין טאָגן, -
טאַק, טאַק, טאַק, טאַק; טאַק, טאַק, טאַק.

2

און אין באַנען מענטשן פאָרן, -
טאַק, טאַק, טאַק, טאַק; טאַק, טאַק, טאַק;
מיט דער באַן - אויך זיי לויפן, אויך זיי יאָגן -
טאַק, טאַק, טאַק, טאַק; טאַק, טאַק, טאַק.

3

גיכער, גיכער - פאָרן, פאָרן -
טאַק, טאַק, טאַק, טאַק; טאַק, טאַק, טאַק;
ביז לעצטער סטאַנציע - סוף פון יאָרן ...
טאַק, טאַק, טאַק, טאַק; טאַק, טאַק, טאַק.

די וועלט איז א חתונה ...

1

די וועלט איז א חתונה, אלע טאַנצן:
א טאַנגאָ, א האָרא, אַ וואַלץ, צי א שער...
דער זין פון דעם אַלץ - פֿארהוילן אנגאַנצן; -
עס שפילט די מוזיק און ס'איז שטאַרק דער באַגער...

2

עס פֿליען די טעג און ס'לויפֿן די יאָרן,
מען האָוועט, מען שמײַעט, ס'נעמט ניט קײן שלאָף;
און איידער וואָס-ווען איז מען ווײַט שוין פֿאַרפֿאָרן,
יע, ווײַט שוין פֿאַרפֿאָרן און פּלוצעם דער סוף!

די בלום

1

צווישן פֿאַרגעלטע אין בוך אויף מײַן טיש,
דײַן אָנדענק - בלום כ'האָב געפֿונען דאָ הײַנט;
ווי דורך שפּראָך איז בלום נאָך דופֿטיק-פֿריש,
ווײַל ס'לעבט נאָך אין בלום דײַן הארץ, מײַן פֿרײַנט.

2

אין הײַנט האָסט פֿאַר מיר אויפֿגעלעבט ווידער,
איך זע דיך גאָר נאָענט, דערקען דײַן קול;
- כ'פֿאַרנעם אויך דעם עכאָ פֿון די לידער,
ס'האָט אויפֿגעטויכט בלום דײַן פֿאַר מיר דעם „אַמאָל".

פֿאָרן אויטאָס

1

פֿאָרן אויטאָס, לויפֿן יאָרן,
הונגעריק זײ שלינגען מײַלן;
זשומען פֿיבערן מאטאָרן –
גיכער, גיכער, יאָגן אײַלן!

2

לויפֿן יאָגן ווי טײוואָלים,
צווײ שערענגעס אויטאָס פֿאָרן,
יאָגן, יאָגן, איבעריאָגן –
פֿיבערט אויטאָ, שאַלט זײַן האָרן.

ווײל איז דעם...

1

ווײל איז דעם מענטשן וואָס האָט
אַ פֿרײדיקן נעכטן, אַ גליקלעכן הײַנט;
ווי גליקלעך איז דער וואָס געבענטש איז פֿון גאָט
מיט נאָענטע, גוטע און אמתע פֿרײַנט.

2

ווײל איז דעם מענטשן וואָס פֿול איז מיט מוט,
ווען אַפֿילו מיט דערנער פֿאַרזײט איז זײַן וועג;
פֿאַרלירט ניט בטחון, באָטש איס איז ניט גוט,
און האָפֿט נאָך אויף ליכטיקע גליקלעכע טעג.

די כמאָריקע יאָרן

1

די כמאָריקע יאָרן פֿארביי'קע -
פֿאַרגעס און נאָר טראכט וועגן הײַנט;
געדענק בלויז די זוניקע שעהען
פֿאַרבראַכט מיט חברים און פֿרײַנט.

2

פֿאַרגעס דײַנע נעכט די שלאָפּלאָזע,
געדענק בלויז די שטראַליקע טעג;
געדענק אויך די לבנה און שטערן
וואָס האָבן באליכטיקט דײַן וועג.

בײם ראַנד פֿון הימל...

1

שטיל איז דער ארום. עס שלאָפֿן גראָזן, בײמער;
ס'װאַכן נאָר די שטערן, ער און זי;
שטיל עס זינגען הערצער פֿון צװײ טרוימער,
און א שטערן פֿאַלט און װערט ניט אין זײן פּלי...

2

חלומען פֿאַרליבטע צװײ װי אין א דרימל,
און אין חלום זײ פֿליען הויך און גאָר װײַט.
באַלד זײ זײַנען שוין בײַם ראַנד פֿון הימל,
אָפּגעמעקט פֿאַר זײ עס זײַנען רוים און צײַט...

פרילינג

1

מיט פֿריידיקער ליבט זון אויף ערד שטראלט,
מיט גאָלדענע פעדעם פעלד ווערט באזוימט;
און יונג ווערט די וועלט, מיט פרישקײַט זי קוועלט,
און מענטש ווערט באַצויבערט, באַטרוימט.

2

פֿון שאלרוף וואָס קומט פון ווײַט ערגעצוו
פֿון שלאָף וואכן-אויף בארג, וואַלד און פֿעלד
און מענטש דאן חלומות וועבט, וויזיעס ער זעט
פֿון אַ פֿריידיקן מאָרגן, פֿון אַ זוניקער וועלט.

שאנ-גרי-לא

ערגעצוו, אין מרחקים גאַר ווײַט,
בײַם סמבטיון-טײַך דאָרט דערנעבן;
פֿאַראַן דאָרט א לאַנד, גאַר א וווּנדער,
וווּ מענטשן גאַר פרײדיק זײַ לעבן.
אין יענעם, אין גליקלעכן לאַנד
ס'ווײסט ניט פֿון צרות, פֿון נויט
ס'איז דאָרט קײנמאָל ניט קראַנק
און ס'קומט ניט אהין דער ענטגילטיקער טויט.
און שטענדיק געהיט ווערט דאָס לאַנד
פֿון מחנות, פון ריזן - גאַר שטאַרק און גרויס;
טאָג און נאַכט זײַ וואַכן גאַר שטרענג,
לאָזן קײנעם אַרײַן ניט און ניט קײנעם אַרויס:
ס'ציט מיר מײַן הארץ צו יענעם אָט לאַנד
אוי, ווי ס'ווילט זיך מיר דאָרט צו זײַן;
נאָר ווײ! ס'לאָזט ניט דאָס לאַנד
קײנעם אַרויס און קײנעם אַרײַן...

אויגן

אויגן זינט בראשית:

אויגן שוואַרצע, גרינע, בלויע,

אויגן ברוינע, אויגן קאָרע,

אויגן מאַטע, אויגן גרויע;

אויגן שפּילן, אויגן גלאַנצן,

אויגן זינגען, אויגן טאַנצן;

אויגן רעדן, אויגן שווייגן,

אויגן פֿעלשן, אויגן ליידן.

אויגן צערטלען, אויגן בעטן,

אויגן שטעכן, אויגן גלעטן.

אויגן געשלאָסן —

לעבן פֿאַרלאָשן.

מענטש און בוים

(בי האדם עץ השדה)

1

אװעק איז דער זומער, דער װינטער קומט באַלד.
ס'פאלן די בלעטער, ס'בלײבט נאקעט דער בוים.
די פֿײגל צעפֿליִגן פון פעלד און פון װאלד.
דער בוים שטײט פֿאַרחלומט און װעבט שטיל א טרוים.

2

דער בוים - און דער מענטש: װי די בלעטער-די טעג.
בוים, אָבער, נאָך װינטער ט'זײַן װידער אין צװײַט,
און מענטש - בײַ אים װינטער איז סוף פֿונעם װעג.
בלויז אײן פֿרילינג האָט ער, נאר אײנמאָל ער בליט.

מענטש און זיין שאָטן

1

פון שאָטן דעם שטומען מענטש ווערט באַגלייט
פון דאָס געבוירן ביזן סוף פון זיין לעבן;
און ווו גאָר ער גייט, ווו גאָר ער שטייט,
באַגלייט זיין חבר־דער שטן שטאַרק איבערגעגעבן.

2

און ווען מענטש אין אייביקער רו ער שוין גייט,
ביים סוף פון זיין גאָר קורצן לעבן–
אויך דאן ביזן קבֿר ווערט ער באַגלייט
פֿונעם שאָטן וואָס בלייבט אויפֿן קבֿר צו שוועבן.

געװען איז אמאָל...

1

א מײדל א בלאָנדס איז געװען אמאָל
מיט זוניקן שמײכל און גאָלדענע האָר;
געקלונגען האָט פרײדיק איר זילבערן קול,
די אויגן די בלויע געלאַכט האָבן גאָר.

2

מיט אויגן פאַרחלומטע תמיד פאַרטראַכט
א בחור אמאָל א ברונעט איז געװען,
אין הימלען ער האָט מיט זײַן דמיון פאַרבראַכט,
אין העלקײַט פון טאָג האָט חלומות געזען.

3

עס לויפן די יאָרן װי פערד אין גאַלאָפּ,
בײַ בײדן אויף קעפּ זיך שוין זילבער געפינט;
בײַם מײדל דער שמײכל טוט אלץ זיך ניט אָפּ,
דער בחור ברונעט אלץ חלומות נאָך שפינט.

4

פאַרטונקלט דער הימל אין חושך אַרום,
ניטאָ מער דאָס מײדל- געבליבן אלײן;
פאַרשניטן דער טויט האָט מײַן פרעכטיקע בלום,
איז װײטיקט דאָס הארץ און איך װײן, און איך װײן...

טענטש און זיין באשעפער

איך דאנק דיר, בורא-עולם

1

איך דאַנק דיר, בורא-עולם:
פֿאר דער גאָלדענער זון,
פֿאַר די זילבערנע שטערן;
פֿאַר דעם פינקל פון טוי,
פֿאַר דעם זעטיקן רעגן.

2

איך דאַנק דיר, בורא-עולם:
פֿאַר דעם שטראַליקן פֿרימאָרגן,
פֿאַר דעם שטילן פֿאַרנאַכט;
פֿאַר דעם זוניקן טאָג,
פֿאַר דעם סוד פֿון דער נאכט.

3

איך דאַנק דיר, בורא-עולם:
פֿאַר די ימען און טײַכן,
פֿאַר די זאנגען אין פעלדער;
פֿאַרן געזאנג פון די פײגל,
פֿאַר די בײמער און װעלדער.

א געזאנג

(אלץ אויף דער וועלט האָט זײַן ניגון - ר׳נחמן בראסלעװע)

1

ס׳זינגט און בעטן צום בורא-עולם
מענטש פֿויגל און חיה:
א יעדער אויף זײַן אופֿן
א יעדער מיט זײַן האַװײַע

2

עס בעטן צום באַשעפֿער:
לײַב - דורך זײַן ברומען,
פֿליג - דורך איר זשומען,
טויב - דורך איר װאָרקען שטיל,
און גרילנדיק - ס׳בעט די גריל.

3

אויך בעט ים - כװאַליעס -
דורך שטורעמדיקע קלאַנגען;
און סודוסדיקע ס׳פֿליסטערן
פעלד און בוים - גראָז און זאנגען.

4

די העכסטע אָבער תפילה,
װאָס הימלען קען זי שפּאַלטן
איז די שטילע טרער און װײ,
װאָס טיף און האַרצן איז באַהאַלטן.

ניגון און טאנץ

(ניגון און טאנץ דערהייבן דעם מענטשן און פירן אים
ארײַן אין אונדזערע וועלטן - דער בעש"ט)

1

שבת פארנאכט א בית-מדרש מיט ייִדן:
שניידערס, שוסטערס, באלעגאלעס און שמידן.
באלד גייט אוועק שוין די נשמה-יתרה,
גייט אויף אין הערצער א מרה-שחורה...

2

ס'גוססט דער שבת און ס'טרערן די אויגן,
האבן די ייִדן א ניגון פֿארצויגן.
שטיל איז דער אנהייב געווען פֿונעם ניגון,
אבער וואס ווײַטער אלץ העכער געשטיגן.

3

ניגון פֿון נאָגנדע און ווייען...
ניגון פֿון אנגסטן און שטומע געשרייען...
טיפֿער און שטארקער און - וועלט איז פארשוווּנדן,
און ס'האט התלהבות דעם עולם געצונדן...

4

פלוצעם א וווּנדער: א הייב פון די ערטער,
הענט אויף אקסלען, א טאנץ א פארקלערטער;
אלץ איז פארגעסן: ווארשטאטן, געצייגן -
ייִדן אין אַנדערע וועלטן עס שטײַגן.

שמע ישראל

ווען געפילט האָט מײן זײדע, דער אַלטער ר׳מרדכי,
אַז דאָס לעבן זײנס ענדיקט זיך, האַלט שוין בײם "חיו׳
ער ווערט שוואַכער און שוואַכער, די כחות פאַרשווינדן
און ס׳קומט, ס׳דערנעענטערט זיך באַלד שוין דער סוף,
האָט ער גלײך צום חדר געשיקט אַ שליח,
ער זאָל הײסן זײן זון אַהײמקומען געשווינד.
ווען דער זון, פול מיט פחד, אַהײם איז געקומען,
האָט דער זײדע געזאָגט צו אים: "אהרן, מײן קינד,
אין אַ לאַנג-ווײטן וועג עס קלײבט זיך דײן טאַטע,
קאָנסטו מיר זאָגן וואָס פאַר אַ סדרה איז הײנט?"
"בהעלותך" - מיט אימה האָט אהרן געענטפערט.
און דאָס פנים פון זײדן האָט זיך הימליש צעשײנט:
"בהעלותך את הנרות" - זאָג גיכער דער מאמען,
אַז צװײ ליכט זאָל זי צינדן, כ׳הער שוין דעם רוף...
און צו חברה קדישא שיקט באַלד אַ שליח,
זי זאָל קומען מטהר זײן זינדיקן גוף...
און איך בעט, אַז ניט װײנען מען זאָל און ניט קלאָגן,
ווײל סײ לעבן, סײ טויט "-דעם באַשעפערס געגאַד".
און ס׳איז באַלד אויסגעגאַנגען דער זײדע, ר׳מרדכי,
מיט "שמע ישראל - ד׳אחד!"

פּײַן און חורבן

כל - נדרי

1

פֿאַרוויסט איז דאָס שטעטל און חרוב די שולן,
שוין לאַנג אַז ס'איז אַ דאַוונער געווען;
עס ווײנען די ווענט און ס'טרויערט דער עמוד,
שוין לאַנג אַז זיי האָבן אַ דאַוונער געזען.

2

אהינטערן שטעטל אין צווײ ברידער-קברים,
קורבנות פון נאַציס אין שטענדיקער נאַכט;
ביז ס'איז געקומען די נאַכט פון "כל-נדרי"
און פּלוצעם ס'האָבן די מתים דערוואַכט.

3

און האַסטיק געלאָזן זיך גײן האָבן אַלע,
גײן צו דער אַלטער לאַנג חרובער שול,
וואָס שטייט נאָך עד-היום אויף גאַס דער אַמאָליקער
און שול באַלד מיט דאַוונערס געוואָרן איז פול.

4

און ס'האָבן די קדושים די אַלע פֿאַרנומען
זייערע ערטער אַמאָליקע באַלד;
פֿאַרטיפֿטע אין תּפֿילה זיי האָבן געדאַוונט
און געוויגט זיך דערבײַ ווי די ביימער אין וואַלד.

פארשניטן

1

געחלומט, כ'האָב זיך אין א פויגל פאַרוואַנדערט,
די פליגל צעשפּריים, ס'האָט דיוויים מיך געצויגן;
געפלויגן איך בין איבער ימען און לענדער,
ביז ענדלעך איך בין צו מײַן שטעטל דערפלויגן.

2

און באַלד איבער שטעטל אַוועק בין איך זוכן
די שכנים און פרײַנד פון אַמאָליקע יאָרן;
געזוכט כ'האָב די גאַסן, די שולן, די הײַזער,
דאָס שטיבל וווּ איך בין געבוירן געוואָרן. –

3

ניט חלום, נאָר וואָר! ס'איז דאָס שטעטל א חורבה,
געוואָרן פאַרוויסט אין דעם נאַציישן שטורעם;
פאַרשניטן די מענטשן, עס וויינען די גאַסן – – –
עס וויינט אויך מײַן הארץ וואָס איז פול מיט יסורים.

אויף קבר - אבות

1

ביים שטעטל כ׳האָב דערהערט א קול:
- ווער ביסטו און וואָס זוכסטו אין דעם יאמער-טאָל?
- אויף קבר-אבות איך קום אין שטעטל מײַן;
ביי זייער קבר אויסוויינען מײַן צער און פּײַן.

2

דאָס גאַנצע שטעטל ווייסט אַזוי און שטיל,
בלויז וו נים וו געווײַן פֿון הונגעריקער גריל...
א סימן פון ייד צו זוכן, איז אומזיסט,
ס׳האָט נאצי-שטיוול אַלץ צעטראָטן און פארוויסט.

(לזכרון מײַן פאַרשניטענער שטעטל, שטשעדרין)

יאָרצײַט-ליכט

א

איך צינד הײַנט יאָרצײַט-ליכט צוויי,
נאָכן טאַטן און נאָך דער מאַמען,
די וואָס ממשלת-זדון
האָט אומגעבראַכט צוזאַמען.

ב

ווײַט, ווײַט אויף א הפקר-פעלד
באַדעקט מיטווילדע בלומען -
דאָרט מײַנע ליב-טײַערע
זײַנען צו אײביקער רו געקומען.

ג

איך צינד אָן יאָרצײַט-ליכט צוויי,
פֿאַר געלײַטערטע נשמות;
פּײַניקער פֿון אונדזער פֿאָלק
שטראָפֿן זאָל אל-נקמות!

כ'װעל א בלומען-גאָרטן פֿלאַנצן

1

כ'װעל א בלומען-גאָרטן פלאנצן
אין אָנדענק פון מײַן טאטע-מאמען -
צװײ קדושים װעלכע רוען
אין א ברודער - קבר צוזאמען.

2

כ'װעל א בלומען-גאָרטן פֿלאנצן,
זיך באגיסנדיק מיט טרערן,
בײַטאָג די זון אויף אים װעט שײַנען,
בײַנאכט לבנה און די שטערן.

קדיש

1

קדיש נאָך די אומגעקומענע אין געטאָ-שטיבער,
נאָך די פארשניטענע בײַם ראנד פון קברים-גריבער;
נאָך די וואָס זײַנען דעם לעצטן וועג געגאַנגען
אין טליתים און מיט הײליקע געזאַנגען.

2

נאָך מײדלעך צניעותדיקע, וואָס האָבן זיך גענומען ס'לעבן
אײדער זיך צו נאצי-טמאים איבערגעבן;
נאָך אויפשטענדלער - געקעמפט וואָס האָבן ווי לײבן,
זײער בלוט און דעם כבוד ײדישן דערהײבן.

יתגדל ויתקדש שמה רבא!

יאָרצײַט

1

(לזכרין מײַן חרובער שטעטל שטשעדרין)

מיט יאָרן צוריק איז א שטעטל געווען.
אין שלום אין שלוה געלעבט האָבן ײדן:
שוסטערס און שנײַדערס, און מילנערס, און גערטנער
גלעזערס און מוליערס, און סטאָליערס און שמידן.

2

- קינדער דערצויגן, צו חופה געפירט,
הײַזער געבויט און גערטנער געפלאַנצט;
און פעלדער געארבעט און זאַנגען געקליבן -
און פרײַדיקע יוגנט - געזונגען, געטאַנצט.

3

האָבן מערדער דאָס שטעטל באַפאַלן, פאַרוויסט
אין טײַטלעכן יאָר נײַנצן פערציק און צוו״.
יאָרן אוועק שוין, נאָר פריש איז נאָך [illegible]נד,
נאָך הענגט אין דער לופט דער מאַרטירער-געשרײ.